

ייִדיש
jiddisch

# צו אייך
# אלס א
# נאנטע קרוב

# פארוואָרט

די אינפארמאציע ביכל איז געמאכט פאר נאנטע קרובים פון די וואס באקומען פאליעיטיוו קעיר אין די צייט ווען זיי דערגרייכן דעם ענדע פון לעבן. דער ביכל טוט אין קורצן באשרייבן וואס פאסירט צום קערפער ווען דאס לעבן קומט צו אן ענדע, ווי אויך די שטיצע וואס איר קענט באקומען און זענט בארעכטיגט צו באקומען אלס א נאנטער קרוב.

פאליעיטיוו קעיר ווערט געגעבן פאר פאציענטן וואס קענען מער נישט ווערן געהיילט פון א קראנקהייט וואס וועט פריער אדער שפעטער פירן צו טויט. דיווארט פאליעיטיוו ווערט אפט פארבינדן צום טערמין פארלייכטערן און קומט פון די לאטיינישע ווארט פאר אויבערראק. די פארגלייכונג קען ווערן אפגעטייטשט אין צוויי וועגן; אין פאל פון א אומהיילבארע קראנקהייט, איז שוין מער נישט מעגליך צו עלימינירן דעם שורש פון די קראנקייט, אבער די סימפטאמען קענען ווערן פארלייכטערט, "זיי איבערדעקן" אזוי ווי איבערציען א אויבערראק אדער רעקל איבער דעם. נאך א פארגלייכונג איז די בילד פון א ווארימע מאנטל אין וואס די פאציענט קען ווערן איינגעוויקלט.ביידע פארגלייכונגען שטימען גוט מיט די מיטלען וואס ווערט אונטערגענומען און דער צוועק פון פאליעיטיוו קעיר.

טראץ דעם וואס א היילונג איז נישט מעגליך, באזירט אויף מיין ערפארונג אלס א דאקטער אין די פעלד פון פאליעיטיוו קעיר, קען מען נאך טון אסאך, סיי פאר די פאציענט און סיי פאר אייך אלס א נאנטע קרוב, צו מאכן די בעסטע וואס איז שייך פונעם מצב, לויט די אומשטענדן. פאליעיטיוו קעיר טוט שאפן א "פלאץ" אין וועלכע די פאציענט קען לעבן מיט כבוד, פארלייכטערט פון סיי וועלכע סימפטאמען, ביז עס איז צייט צו פארלאזן די וועלט.

אפסאלא, יאנואר 2017

*Johan Sundelöf*, דאקטער הויפט פון
הויפט פון פראגראם, Betaniastiftelsen



# וואס פאסירט צום קערפער ווען דאס לעבן קומט צו אן ענדע?

אין רוב פעלע, איז שטארבן א רואיגע און נישט-דראמאטישע געשעעניש. אלס א נאנטע קרוב, קענט איר זיין באזארגט ווי אזוי די לעצטע מינוטן וועלן אויסזען – אבער וויסנדיג אז, אין רוב פעלע, איז שטארבן א רואיגע און נישט-דראמאטישע מצב פארן מענטש וואס שטארבט קען דאס געבן אביסל מנוחה. עס איז נישט ריכטיג, אזויווי מען וואלט געקענט מיינען, אז ווען איינער שטארבט, איז בלויז מעגליך צו האלטן די סימפטאמען אונטער קאנטראל ביז א געוויסע פונקט, וואס ביי דעם פונקט פאלט אלעס צוזאם. שווערע סימפטאמען וואס זענען שווער צו קאנטראלירן קענען געוויס צומאל פאסירן. אבער, אין רוב פעלע, קען די שטאב באהאנדלען די סימפטאמען כדי דער פאציענט זאל נישט האבן קיין שמערצן, אדער שוועריגקייטן מיט אנדערע סימפטאמען, און אנשטאט האבן א געפיל פון אינערליכע רואיגקייט.

**מידקייט**

ווען טויט דערנענטערט זיך, מיינט דער פאציענט׳ס פארלוסט פון ענערגיע אז זיי ווערן ווי מער אומאינטערעסירט אין וואס קומט פאר ארום זיי. זיי שלאפן מער און ווערן מער צוריקגעצויגן. מאמענטן פון צומישעניש קען פון צייט צו צייט קומען און גיין.

**פריע צייכענס פון בעפארשטייענדע טויט:**

- פארשוואכערטע אינטערעסע אין/כסדר פארמינערטע באוואוסטזיניגקייט פון וואס קומט פאר ארום, ווערן אלס מער צוריקגעצויגן.
- מידקייט וואס קען נישט פארגרינגערט ווערן דורך שלאפן.
- מאנגל אין הונגער און דארשט.

**שפעטע צייכענס פון בעפארשטייענדע טויט:**

- פראדוקציע פון יורין פארמינערט זיך אדער שטעלט זיך אפ.
- די פאציענט האט שוואכערע באוואוסטזיניגקייט אדער ווערט באוואוסטלאז.
- איבערפלעכליכע, אומרעגלמעסיגע אטעמען, צומאל איבערגעהאקטע אטעמען.
- ווייזינג ביים אטעמען.
- קאלטע, בלויע הענט און פיס.
- מעגליכע אומקאנטראלירבארע באוועגונגען און אומרואיגקייט.

**פארלוסט פון הונגער און דארשט**

הונגער און דארשט ווערן אויך אפעקטירט אין די לעצטע שטאפלען פון לעבן. עס איז נישט זעלטן צו טראכטן אז די פארערגערונג אין א פאציענט׳ס צושטאנד איז צוליב דעם וואס זיי הונגערן אויס צום טויט. פאקטיש, איז עס פונקט דאס פארקערטע. די פאציענט שטארבט נישט פון נישט עסן אדער טרינקען; זיי הערן אויף עסן און טרינקען ווייל זיי האלטן ביי שטאבן.

יעדער וואס האט אן אומהיילבארע, פראגרעסיווע קרענק קומט עווענטועל אן צו א שטאפל אין וועלכע די קערפער קען מער נישט פארדייען אדער ארייננעמען די שפייז וואס עס ווערט געגעבן. אויב די פאציענט באקומט מער שפייז אין אזא מצב, טוט עס בלויז פירן צו איבלען און ברעכן. ענליך דערצו, אויב גיבט מען מער פליסיגקייט, אזויווי דורך א דריפ, צום פאציענט פירט עס אפט צו אן אנלייגעניש פון פליסיגקייט, צום ביישפיל, אין די לונגען, וואס קען פארערגערן דאס אטעמען.

אין אנדערע ווערטער, עס העלפט נישט צו געבן א נויט־ריענט דריפ אדער פליסיגקייט דריפ פאר א מענטש וואס האלט ביים שטארבן. נאר פונקט פארקערט, דאס וועט מן הסתם פארערגערן די סיטואציע. די פראצעס קען נישט ווערן צוריקגעדרייט, נישט קיין חילוק וויפיל נוטריענט אדער פליסיגקייט ווערט געגעבן. די פארערגערונג איז נישט צוליב די מאנגל אין נוטריענט אדער פליסיגקייט; עס איז דער מצב פון די קרענק וואס פאראורזאכט אז די פא־ציענט זאל שטארבן. אויף די אנדערע זייט, וואס קען יא ווערן געטון – וואס איז בייהילפיג פארן פאציענט – איז צו גרינגער מאכן די טרוקנקייט אין מויל דורך פייכט מאכן די מויל פונדרויסן. פאקטיש, טרוקנקייט אין מויל וועט מסתמא זיין א גרעסערע פראבלעם פארן פאציענט ווי א מאנגל אין פליסיגקייט. די שטאב וועט אייך גערן ווייזן וויאזוי צו געבן מויל באהאנדלונג אויב ווילט איר וויסן.

**יורין פראדוקציע און קישקע פונקציע**

ווען קערפערליכע פונקציעס פארערגערן זיך און הערן אויף ארבעטן, ווערן נירן פונקציעס און יורין פראדוקציע אויך אפעקטירט. יורין ווערט טונקל אין קאליר (קאנצ־ענטרירט) איידער עס הערט געצנליך אויף פראדוצירט ווערן. ענליך, ווערט מאס קערפערליכע אפפאל פארמי־נערט ווען עס דערנענטערט זיך די ענדע און שטעלט זיך אפטמאל אינגאנצן אפ.

**אנגסט און צומישעניש אין די פאזע פון טויט**

צומישעניש איז א אפטע ערשיינונג ווען דאס לעבן קומט צו אן ענדע. די צומישעניש איז אין רעזולטאט וואס די פאציענט האט נישט גענוג כח צו "האלטן קאפ" און ווערט דעריבער צומישט. די סארט צומישעניש ווע־רט געווענליך נישט געהאלפן דורך מעדיצין. אנשטאט געבן מעדיצין, קענען אנדערע מיטלען ווערן גענומען צו בארואיגן דעם פאציענט. צום ביישפיל, א שוואכע נאכט לאמפ אדער א קלארע זייגער אויף די וואנט קען העלפן.



# א מענטשליכע אנוועזנהייט ברענגט רואיגקייט

האבן איינעם צו זיצן נעבן דעם פאציענט, האלטן זייער האנט אדער געבן א בארואיגענדע מאסאדזש קען זיי זייער בארואיגן. רואיגע מוזיק איז אויך אפט בייהילפיג און ווירקזאם.

## שוואכערע באוואוסטזיניגקייט – הערן און שפירן חושים בלייבן

די נארמאלע סדר ווען איינער שטארבט איז אז זייער שטאפל פון באוואוסטזיניגקייט ווערט שוואכער ביז זיי ווערן עווענטועל באוואוסטלאז. דאך, טראץ זייער פארקלענערנדע מעגליכקייטן, פארבלייבן זייערע חושים פון הערן, טאפן, און מסתם אויך שמעקן אפט פאר א געוויסע צייט.

דאס מיינט אז, אלס א נאנטער קרוב, קענט איר נעמען אין באטראכט צו רעדן צו – אנשטאט וועגן אים – צו דער מענטש וואס שטארבט. אסאך גאר קראנקע מענטשן ווערן בארואיגט דורך א ריר אדער פיזישע מאסאדזש אפילו זיי זענען נישט וואך.

## אטעמען

א צייכן אז די פאציענט קומט אן צום ענדע פון זייער לעבן איז ווען זייער אטעמען ווערט שוואכער, מער אויבערפלעכליך און מעגליך אויך אומרעגלמעסיג. עס קען זיך אינגאנצן ענדיגן און דערנאך זיך צוריק אנהייבן. זיצן מיט די פאציענט און נישט וויסן אויב זיי וועלן צוריק אנהייבן אטעמען קען זיין שווער פאר א נאנטער קרוב. נאך א צייכן אז די ענדע פון לעבן דערנענטערט זיך איז ווען די נאז לעכער צוברייטערן זיך מיט נעזעל פלערינג. וואס קען אויך געבן א אויסקוק אז די נאז איז געווארן מער שפיציג, שמעלער און צומאל ווייסער.

## געבן אקסיגען ביי די ענדע פון לעבן

עס איז נישט זעלטן פאר נאנטע קרובים צו שפירן אנגעצויגן ווען די פאציענט׳ס צושטאנד פארערגערט זיך און זייער אטעמען ווערט אפעקטירט. עס איז א אפטע און נאטורליכע געדאנק צו טראכטן אז די פאציענט קען ווערן געהאלפן דורך אקסיגען וואס ווערט געגעבן דורך, צום ביישפיל, א רער דורכן נאז. אבער, דאס געבן אקסיגען אין די לעצטע שטאפלען איז געווענליך נישט וויכטיג צוליב דעם וואס די פאציענט איז נישט ביים באוואוסטזיין און קען נישט אויפפאסן די רעדוצירטע אקסיגען. אויב די פאציענט איז ביים באוואוסטזיין און קען נישט אטעמען, קענען קליינע דאזעס פון מארפין ווערן געגעבן אין רוב פעלער אנשטאט אקסיגען.

ווירקליך, צוליב דעם איז זעלטן א פראבלעם אויב עס איז נישט דא קיין אקסיגען עווילעבל צו געבן ביי די ענדע פון לעבן באהאנדלונג. פונדעסטוועגן, איז וויכטיג וואס די פאציענט שפירט. אלזא, אויב דער מענטש איז געווען אויף אקסיגען פאר א לענגערע צייט, מוז עס נישט ווערן אוועקגענומען אויב עס גיבט פארן פאציענט א געפיל פון זיכערהייט אין דעם לעצטן טייל פון לעבן, אפגעזען פון די טענות דערצו אדער דערקעגן. ווען דער פאציענט איז מער נישט ביים באוואוסטזיין, קען דאס באנוץ דאן ווערן איבערגעקלערט לגבי די מעגליכע "קאפ ווירקונג".

## וויזינג

אין געוויסע פעלער, קען פייפעדיגע אטעם פאסירן אין די לעצטע שטאפלען פון לעבן. דאס ווערט פאראורזאכט דורך שליים וואס רוקט זיך ארויף און אראפ אין די אטעמען רער. די פייפעדיגקייט קען מאכן א נאנטער קרוב שפירן אומרואיג. אבער, אויב דער פאציענט איז נישט ביים באוואוסטזיין, ווערן זיי ווארשיינליך נישט געשטערט דערפון. אין אנדערע ווערטער, די שליים/פייפעדיגקייט מוז נישט דוקא ווערן עלימינירט. מען זאל פארמיידן פון אוועקזויגן די שליים, ווייל עס צוקראצט די האלז און פארמינערט נישט די וויזינג. אונטערהייבן דעם קאפ און טוישן די פאציענט'ס פאזיציע זענען נישט-מעדיצינישע מיטלען וואס קענען העלפן אין דעם געביט.

## הויט און קערפער

א צייכן אז די בלוט צירקולאציע איז אפעקטירט ווען טויט איז בעפארשטייענד, איז אז די מענטש'ס הענט און פיס ווערן קאלט אדער טונקל. נאך א צייכן איז אז זייער הויט ווערט בלאס אדער געל, ווען די קערפער דארף ענדע־רש שיקן די בלוט סופליי צו די וויכטיגע גלידער. די פיס און זייט (ארום די לענדן) קענען ווערן אביסל בלוי און געפלעקט.

## פיבער

ווען א מענטש שטארבט, קענען זיי צומאל ווערן פיבעריש און פארשוויצט, ווארעם און אביסל רויטליך, בשעת זייערע פיס בלייבן קאלט. אויב דער פאציענט ווערט נישט געשטערט פון די פיבער, פעלט נישט אויס צו געבן פיבער־רעדוצירענדע מעדיצין. דא אויך, זאלן די בענעפיטן ווערן געוואויגן קעגן די אומבאקוועמליכקייט וואס די פאציענט שפירט.



# שטיצע פאר נאנטע קרובים

אלע נאנטע קרובים, סיי ערוואקסענע און סיי קינדער, האבן א געזעצליכע רעכט צו באקומען אינפארמאציע, ראט און שטיצע. איר האט אויך דאס רעכט צו באקומען אינפארמאציע איבער ווי אזוי דער פאציענט קען באקומען די בעסטע שטיצע וואס נאר מעגליך.

א לאקאלע קעיר אפשאצער שאצט אפ און באשליסט אויף שטיצע מיטלען אינדרויסן פונעם שפיטאל. דער קעיר אפשאצער פארשט אויך אויס דעם געברויך פארן צושטעלן, צום ביישפיל, היים קעיר און היים הילף, א געהילף, ספעציעלע אקאמאדאציע, קורץ-טערמיניגע אקאמאדאציע, אדער געווענליכע קורץ-טערמיניגע קעיר פלאצירונגען. דער קעיר אפשאצער קען אויך צושטעלן אינפארמאציע איבער די שטיצע וואס איז אוועילעבל אין אייער ספעציפישע מיוניסיפאליטי. טייל קאונטי קאונסילס האבן אויך פאציענט ראטגעבער וואס קענען צושטעלן נאך אינפארמאציע. די טערמינען און באדינגונגען פאר, און שטאפלען פון, עקאנאמישע הילף, ווי אויך פראצעסירונג רוטינען, זענען פארשידנארטיג צווישן מיוניסיפאליטיס. איר קענט זיך פארבינדן מיטן קעיר אפשאצער דורך אייער מיוניסיפאליטי'ס סוויטשבאורד צו באקומען אינפארמאציע וועגן די סיטואציע אין אייער ספעציפישע מיוניסיפאליטי.

מער אינפארמאציע וועגן שטיצע פאר נאנטע קרובים איז אוועילעבל אויף
**www.anhoriga.se**

**בענעפיט פאר קעיר פון נאנטע קרובים**

כדי איר זאלט קענען זיין מיטן פאציענט אן דארפן אויפנוצן אייער האלידעי באצאלונג, איז מעגליך צו באקומען א בענעפיט פאר די קעיר פון נאנטע קרובים, וואס ווערט אנגערופן "närståendepenning".

בענעפיטן פאר קעיר פון נאנטע קרובים זענען באשטעטיגט און באצאלט דורך די שוועדישע לאקאלע אינשורענס אגענטור (Försäkringskassan). מען דארף אריינגעבן א דאקטער'ס סערטיפיקאט צו די שוועדישע סאשעל אינשורענס אגענטור כדי מען זאל אייך שענקען דעם בענעפיט פון קעיר פאר א נאנטער קרוב. דער סערטיפיקאט ווערט ארויסגעגעבן אין נאמען פונעם פאציענט און ווערט געשיקט צו די שוועדישע סאשעל אינשורענס אגענטור, וואס באשטעטיגט דעם באצאלונג פונעם בענעפיט. נאנטע קרובים קענען זיך דערנאך באציען צום סערטיפיקאט. צו ווערן באצאלט דעם בענעפיט, דארפט איר רעגיסטרירן אויב איר ווילט באקומען דעם באצאלונג פאר גאנצע טעג אדער טיילן פון טעג. דער מאקסימום באצאלונג וואס קען ווערן באצאלט פאר קרובים פון א פאציענט איז 100 טעג. פארשידענע קרובים קענען באקומען דעם בענעפיט, איינס אויף א מאל און אויף באזונדערע צייטן. פרעגט דעם דאקטער וואס איז פאראנטווארטליך, און בעט א סערטיפיקאט אויב איר זענט אדער קענט ווערן אינטערעסירט אין די מעגליכקייט פון באקומען דעם בענעפיט פון קעיר פון נאנטע קרובים.

מער אינפארמאציע איז אוועילעבל אויף
**www.forsakringskassan.se**

## געזעצליכע רעכטן צו א פערמענאנטע קעיר קאנטאקט

אלס א נאנטער קרוב פון איינער וואס קומט נאנט צום סוף פון זייער לעבן, זענט איר בארעכטיגט צו האבן א פערמענאנטע קעיר קאנטאקט, וואס איז פאראנטווארטליך צו קאארדינירן און פלאנירן דעם פאציענט׳ס קעיר. דער פלאנירונג זאל ווערן געמאכט אויף אן אופן וואס זאל פארגרינגערן פאר יעדעם וואס איז באשעפטיגט אינעם קעיר עס צוצושטעלן, אפילו ווען דער פערמענאנטע קעיר קאנטאקט איז נישט אוועילעבל. אויב דער געברויך דערפאר קומט ארויף, איז דער דירעקטארפון יעדע איינהייט מיט וועלכע דער פאציענט האט געהאט קאנטאקט פאראנטווארטליך צו באשטימען א פערמענאנטע קעיר קאנטאקט. פרעגט א שטאב מיטגליד, אזוי ווי א נורס אדער א דאקטער, אויב ווילט איר האבן א פערמענאנטע קעיר קאנטאקט.

## שטיצע און הילף

פיל נאנטע קרובים האלטן אז די וויכטיגסטע שטיצע איז עכטע לעזונגען צו עכטע פראבלעמען. דאס קען אריינרעכענען פארשידענע שטיצע מיטלען וואס ערמעגליכן פערזענליכע היגיענע, זיך אנטון און אויסטון, מאלצייטן, טראנספארטירן דעם פאציענט, אינקאנטינענס פראבלעמען, אדער דאס פארמיידונג\באהאנדלונג פון בעט-בלאטערן. אקיופעישאנעל טעראפיסטן, פיזיאטעראפיסטן און נורסינג שטאב קענען אייך העלפן איבערקוקן און אויספרובירן פארשידענע הילפסמיטלען וואס קענען האפנטליך מאכן אייער לעבן א ביסל גרינגער. דער פרייז פון אזעלכע הילפסמיטלען איז פארשידנארטיג צווישן מיוניסיפאליטיס.

מער אינפארמאציע איבער עדיוקעישאן און שטיצע פאר נאנטע קרובים איז אוועילעבל אויף **www.anhoriga.se**

# זיך ספראווען מיטן מצב פאר אן אומבאוואוסטע מאס צייט

האלט אין באטראכט אז איר דארפט האבן די כוחות זיך צו ספראווען מיטן מצב ביזן סוף. קיינער ווייסט נישט פונקטליך ווי אזוי א קראנקהייט וועט פאראויסגיין. פאר טייל מענטשן נעמט עס טעג אדער וואכן, און פאר אנדערע קען עס נעמען חדשים. עס קען דערפאר זיין שווער פאר אייך אויב איר פרובירט צו טון צונישט פיל גלייך ביים אנפאנג. דער שטאפל פון געטריישאפט דארף זיין מעסיג און רעאליסטיש.

איר קענט איבערשמועסן מיט די שטאב ווי אזוי איר ווילט באקומען אינפארמאציע וועגן פארשידענע ענינים. צום ביישפיל, עס איז זייער וויכטיג אז איר זאלט פילן זיכער אז די שטאב וועט זיך פארבינדן מיט אייך אויב עס פאסירן ענדערונגען וואס מיינען אז איר דארפט זיין דארט שנעל – אדער אז זיי וועלן אייך זאגן אויב זיי טראכטן אז איר זאלט נישט פארלאזן דעם פאציענט.

אין די זעלבע צייט, איז וויכטיג צו וויסן אז אומפא־ראויסגעזעענע זאכן קענען פאסירן. אלס א נאנטער קרוב, קענט איר קיינמאל נישט גאראנטירן אז איר וועט קענען דארט זיין ביים פאקטישן מאמענט פון טויט. עס קען אפטמאל זיין אז דער פאציענט "נעמט די געלעגנהייט" ווען קיינער איז נישט אינעם צימער. עס איז דערפאר נישט קיין דורכפאל פון אייך אויב איר קומט נישט אן צו זיין דארט פונקט ביים מאמענט ווען אייער נאנטע באליבטע שטארבט.

איר זאלט דערפאר נישט זיין צו שווער אויף זיך אליין. האט נישט מורא צו זאגן פאר די שטאב אויב איר וואלט געוואלט בלייבן אדער שלאפן אינעם צימער אדער אינעם אומגעבונג פונעם ווארד. אזעלכע פארלאנגען קענען געוועגליך ווערן ערפילט.

## וויפיל צייט איז נאך געבליבן? א פראגע וואס האט נישט קיין ענטפער

אן אפט-געפרעגטע פראגע וואס איז פשוט אוממעגליך צו ענטפערן איז "וויפיל צייט צום לעבן האט נאך דער פאציענט איבערגעבליבן" שטאב זאלן זיך פארמיידן פון געבן א ספעציפישע צייט, צוליב וואס עס איז פארהאן א באדייטנדע ריזיקע אז דער פאציענט אדער נאנטער קרוב וועט ווערן אנגעהאנגען אויפן צייט וואס מען האט אנגעגעבן, וואס קען גאר מעגליך נישט זיין ריכטיג סייווי. דער אמת איז אז קיינער ווייסט נישט אויף זיכער.

אנשטאט דעם, איז בעסער זיך צו קאנצענטרירן אויף מאכן יעדן טאג ווי גוט עס איז נאר מעגליך אין די אומ־שטענדן.

## קען איך גיין אויף א רייזע?

עס קען זיין אז איר האט פלאנירט א רייזע אדער אן אנדערע אנגעלעגנהייט און איר שפירט נישט זיכער אויב איר זאלט זיך ווארגן אוועקצופארן פונעם פאציענט. אין די אומשטענדן, איז אמבעסטן פאר אייך צו באשליסן פאר זיך אליין וואס איר זאלט טון. איר דארפט נישט ריזיקירן מיטן שפירן אז איר זענט אוועקגעפארן באזירט אויף איינעם׳ס ראט און דערנאך חרטה האבן דערויף. אויב איר זענט נישט זיכער וועגן אוועקפארן, טראכט וואס וואלט דער פאציענט געוואלט אז איר זאלט טון. שמועסט עס איבער מיטן פאציענט, אויב דאס איז מעגליך. יענער וועט אפט ענטפערן: "זיכער זאלט איר גיין." עס איז גרינג צו פארגעסן די מעגליכקייט פון פאקטיש איבערשמועסן אזעלכע ענינים מיטן פאציענט. דאס איז אויך גילטיג ביים זיצן נעבן דעם פאציענט אין שווייגעניש און זיך וואונדערן וואס יענער קלערט. פארוואס זאלט איר זיי נישט פרעגן? עס קען ארויסקומען א זייער אנגענעמער שמועס.

צום סוף, איז די וויכטיגסטע זאך צו נעמען אין באט־ראכט ווי אזוי איר וואלט געשפירט אויב דער פאציענט וואלט געשטארבן בשעת איר זענט אוועקגעפארן. וואלט איר חרטה געהאט? ווייל מען קען נישט צוריקדרייען דעם זייגער.

האלט אויך אין געדאנק אז נאנטע קרובים קענען מאכן אנדערע אויסוואלן, און נישט יעדער דארף האבן דעם זעלבן צוגאנג. קומען צו אן אפמאך מיטן פאציענט איז איין וועג פון אייך העלפן שטיין פעסט ביי אייער באשלוס. דערנאך מאכט שוין נישט אויס וואס אנדערע מענטשן ארום אייך קענען זאגן אדער טראכטן.

## ווי אזוי זיך צו פארמיידן פון שפירן פאראנט־ווארטליך אדער שולדיג

אלס א נאנטער קרוב, קענט איר העלפן די מעדיצינישע שטאב פארשטיין ווי אזוי דער פאציענט וואלט געוואלט אז זאכן זאלן זיין אויב זיי וואלטן געקענט קאמיוניקירן, לגבי פלאנירן די קעיר וואס ווערט געגעבן. איר קענט אויך זאגן ווי אזוי איר זעלבסט באטראכט דעם מצב, און אויב די פלענער וואס ווערן פארגעשלאגן אדער גענומען אין באטראכט זעען אויס מעסיג.

פונדעסטוועגן, איז שטענדיג דעם דאקטער׳ס פאראנ־טווארטליכקייט צו באשליסן אויב יא אדער נישט צו נוצן מיטלען וואס קענען פארלענגערן דעם פאציענט׳ס לעבן. עס איז וויכטיג אז איר זאלט וויסן אז אזעלכע אנגעלע־גנהייטן זענען ענדגילטיג קיינמאל נישט אייער פאראַ־נטווארטליכקייט, כאטש וואס אייערע מיינונגען זענען, פארשטייט זיך, וויכטיג.



# טרעפן אן אנדערע סארט האפענונג

אפילו אין א סיטואציע וואו א היילונג איז מער נישט מעגליך, קען מען נאך טון א סאך צו פארזיכערן אז דער פאציענט ווערט פארלייכטערט פון סימפטאמען און שפירט אנשטאט דעם א געפיל פון רואיגקייט. א וויכטיגער געביט איז צו דערקענען וואס געבט האפענונג פארן פאציענט. אזא האפענונג קען אמאל נישט זיין קענטיג זאפארט, אבער האפענונג קען צוביסלעך וואקסן אפילו אין א מצב וואס זעט אויס האפענונגסלאז.

געדענקט נישט צוווארטן צו לאנג צו טון זאכן וואס זענען אייך וויכטיג. אפילו אויב איר פילט אז עס איז דא גענוג און נאך צייט, זאלט איר טון אזעלכע זאכן ענדערש פריער ווי שפעטער, וויבאלד קיינער ווייסט נישט ווי אזוי דער מצב וועט זיך אנטוויקלען שפעטער.

א פאציענט אדער א נאנטער קרוב זאל קיינמאל נישט שפירן אז מען האט זיי פארלאזט. די שטאב מיטגלידער זענען דארט, ביי אייער זייט, צוצושטעלן די נויטיגע שטיצע, אריינגערעכנט אין די לעצטע שטאפלען פון לעבן.

**Betaniastiftelsen**


**BETANIASTIFTELSEN**

פאסט אדרעס:
Högbergsgatan 13
116 20 Stockholm
p. +46 (0)8-641 51 91
info@betaniastiftelsen.nu
www.betaniastiftelsen.nu

**פראדוקציע**

מחבר, רעדאקטאר
Johan Sundelöf, MD
PhD, Programchef
Betaniastiftelsen

איבערזעצונג און הגהה
Care to Translate

דעזיין
Ohlsson Stridbeck

אויסשטעל
Moa Roos Svensson,
kommunikatör Betaniastiftelsen

מאלערייען
Rebecka Sundelöf

דרוקער
Wessmans Musikförlag AB






Betaniastiftelsen